ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## לקראת הקייץ

(א גאנץ יאר לערנען תלמידים אין ישיבה, אבער זומער צייט פארט מען אין קאנטרי און קעמפס, און מען האט דארטן די געלעגנהייט צו משפיע זיין אויף דער סביבה. דאס זעלבע איז מיט די וועלכע בלייבן אין דעי קעמפ, טרעפן זיי זיך מיט אנדערע קינדער).

יעדער איד אין וועלכן ארט ער זאל זיך ניט געפינען - וואס וואו נאר א איד קומט, איז דאך מה' מצעדי גבר כוננו - איז ער א שליח פון אויבערשטן צו מאכן פון דעם ארט ארץ ישראל [א "אידישע" שטיקל ערד און א אידישע סביבה]. ובפרט אז ער זעט ווי כמה וכמה פון זיינע חברים האבן מצליח געווען אין דער דאזיקער שליחות.

קומט אבער דער יצר הרע און טענה'ט מיט עם אז ביי עם זיינען פאראן ספעציעלע שוועריקייטן, ובמילא קען ער ניט ברייגנען א ראי' פון זיינע חברים וועלכע האבן מצליח געווען אין זייער שליחות. אזוי ווי דער יצר הרע איז דאך אן אומן במלאכתו (אן עקספערט אין זיין ארבעט), געפינט ער פאר יעדן איינעם, טענות וועלכע זיינען צוגעפאסט צו עם.

מיט איינעם טענה'ט ער אז די סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך איז ערגער פון אלע אנדערע - "עז העם היושב בארץ וגו'." (דער ארום איז שטארקער פאר עם).

צו א צווייטן זאגט ער אז ער איז ניט ראוי צו אזא הייליגע ארבעט.

צו א דריטן קומט ער מיט א טענה: אז ביז ער וועט צוקומען צו די שליחות אליין, געפינען זיך אויפ'ן וועג זייטיגע מניעות, וועלכע לאזן ניט מאכן דעם ארט פאר א מקום תורה.

אויף דעם קומט די הוראה פון אונזער פרשה [פ' שלח]. כלב האט געזאגט די אידן וועגן משה רבינו: קרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו (משה רבינו האט פאר אונז געשפאלטן דעם ים, און געגעבן דעם מן און דעם שליו). מיט דעם האט ער אפגעשלאגן די טענות פון די מרגלים ניט צו גיין אין ארץ ישראל. מיט דאס זעלבע ווערט אויך אפגעשלאגן די טענות פון דעם יצר הרע, ניט צו מאכן פון יעדן ארט, א ארץ ישראל. אז אפילו אין אזעלכע פאלן גיט אלע מאל דער אויבערשטער דעם כח צו דורכברעכן אלע שוועריקייטן און אויספירן זיין שליחות.

(לקו"ש ח"ח ע' 91)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"